בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט



אַײַערע קינדער זאָלט איר מודיעַ זײַן וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

בא תשפ"ב
גליון 75

## דער ריינער קוואל

### אַ גוטן לעכטיגן שַׁבָּת פאר אַלע טייערע קינדער

די וואָך לערנען מיר ווי אַזוי די אידישע קינדער גרייטן זיך צו אַרויסגיין פון מִצְרַיִם, זיי האָבן אַ פעסטע אֱמוּנָה אין באַשעפער און פאַרלאָזן זיך אויף אים. אַזוי ווי רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ זאָגט אויפן פָּסוּק וְגַם צֵדָה לֹא עָשׂוּ לָהֶם, אַז דער פָּסוּק לאָזט אונז וויסן די לויב פון די אידן, אַז זיי האָבן זיך נישט אָפּגעפרעגט ווי אַזוי קען מען אַרויסגיין אין אַ מִדְבָּר אָן שפּייז, נאָר זיי האָבן געגלייבט אין באַשעפער און געגאַנגען אָן פרעגן קַשְׁיוֹת.

דער אויבערשטער האָט טאַקע געדענקט די חֶסֶד נְעוּרַיִךְ, די ליבשאַפט, ווי אַזוי זיינע ליבע קינדער זענען אַרויס נאָך אים אין מִדְבָּר אין אַ וויסטענִיש וואו עס וואַקסט גאַרנישט, עס איז דאָרט נישט פאַרהאַן קיין עסן געשעפט, נישט קיין פלייש אָדער פיש געשעפטן און אַוודאי נישט קיין רעסטוראַנטן אָדער שִׂמְחָה זאַלן.

נאָר מיליאָנען פּיצקעלעך זאַמד וועלכע ווערן פאַרמירט אין בערג אין טאָלן, נישטאָ קיין פלעשער קוואַל-וואַסער אָדער קראַנען, איין זאַך וואָס די אידן האָבן געהאַט די מַצָּה די היילינגע אֱמוּנָה דאָס האָט זיי זאַט געמאַכט.

דער היילינגער רֶבִּי, דער זיסער רֶבִּי רעדט צו אונז, קינדער! דער רֶבִּי שרייט נאָכאַלץ! ער שרייט, שטאַרקט אייך מיט אֱמוּנָה, האָט אֱמוּנָה אין באַשעפער און אין צַדִּיקִים און אֱמוּנָה אין ענק קינדערלעך! יאָ גלייבט אין ענק. יעדער אינגל דאַרף גלייבן אין 'זיך' אַז ער קען מיט זיין מויל בעטן דעם אויבערשטן און דער באַשעפער הערט אים אויס און דאָס איז דעם אויבערשטנס כָּבוֹד אַז אַ אינגל פון ניין יאָר אָדער אַ אינגל פון פיר יאָר, און אֲפִילוּ אַ זיידע ווען ער טַעֲנָה'ט זיך מיטן אויבערשטן אַז דער באַשעפער זאָל אים מאַכן אַ גוט לעבן, אַ היילִיג לעבן, אַ פריילִיך לעבן, אַ לעבן פון תּוֹרָה און מִצְוֹת און אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זאָל מְבַטֵּל זיין גְּזֵרוֹת און זאָל זיס מאַכן פאַר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, דאָס איז די גרעסטע כָּבוֹד פאַרן אויבערשטן.

צו דעם פעלט זיך אויס אֱמוּנָה, גלייבן אַז דער אויבערשטער וואַרט אויף אונזער געבעט!

דער רֶבִּי זאָגט: "ווער עס האָט אֱמוּנָה האָט אַ שטאַרקע און פעסטע לעבן, אַ איד וואָס אָטעמט אֱמוּנָה קען זיך באַרואיגן און אויפלעבן ווען עס גייט אַריבער עפּעס אַ שוועריקייט וועט ער גלייבן אַז דער אויבערשטער וועט צום סוֹף רַחֲמָנוּת האָבן און וועט אים גוטס טון.

אֲפִילוּ אויב מען האָט יִסּוּרִים, גלייבן מיר אַז עס איז פאַר אַ פאַרצייאונג און דער אויבערשטער וועט אונז גוטס טון אויף דער וועלט און בָּעוֹלָם הַבָּא.

אָבער איינער וואָס איז אַ חוֹקֵר - וואָס האָט נישט קיין אֱמוּנָה, ווען עס קומט אויף אים אַ צָרָה, האָט ער נישט וואו צו לויפן, ער האָט נישט צו וועם צו רעדן, און מיט וואָס זיך אויפצולעבן און זיך באַרואיגן."

דער אויבערשטער זאָל טאַקע העלפן מיר זאָלן

המשך אויף זייט 8

# צְוֵויי עֶפֶּעלֶעךְ

ר' אַיְיזִיק פוּן אוּמַאן אִיז נִתְקָרֵב גְעוָוארְן אִין יָאר תרי"א, זֶעקְס יָאר נָאכְדֶעם וָואס רֶבִּי נָתָן אִיז נִסְתַּלֵּק גְעוָוארְן, עֶר הָאט נָאךְ גֶעהֶערְט פוּן דִי פְּטִירָה פוּן רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט זוֹכֶה גְעוֶוען צוּ זַיין אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי נָתָן בְּחַיָּיו.

וֶוען ר' אַיְיזִיק אִיז נִתְקָרֵב גְעוָוארְן, הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אִים שְׁוֶועריקַייטְן בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן בְּרוּחָנִיּוּת. אֵיינְמָאל זַייעֶנְדִיג בַּיים רֶבִּי'נְס צִיּוּן, הָאט עֶר זִיךְ דָארְט אוֹיסְגֶעוֵויינְט, אַז ווִיבַּאלְד עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט אַז עֶר קֶען שְׁטֵיין אִין אַזַא דַּרְגָה, צוּ לַיידְן אָרֶעמְקַייט ל"ע בֶּעט עֶר מֶען זָאל אִים פוּן אוֹיבְּן שִׁיקְן שֶׁפַע פוּן רַייכְקַייט, עֶר זָאל קֶענֶען הֶעלְפְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן אוֹיךְ. אַזוֹי אִיז טַאקֶע גְעוֶוען, עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער קַיין סַךְ צַייט אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר רַייךְ גְעוָוארְן, עֶר אִיז טַאקֶע גְעוֶוען אַ חִידוּשׁ אִין טֵיילְן צְדָקוֹת אוּן הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַארְץ. סְפֶּעצִיעֶל פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט פְלֶעגְט עֶר הֶעלְפְן מִיט הַכְנָסַת כַּלָּה אוּן נָאךְ, אוֹיךְ אַזוֹי ווַייט אַז עֶר פְלֶעגְט נִישְׁט גֶעבְן מַעֲשֵׂר, נָאר עֶר הָאט אַנְשְׁטָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט פַאר זִיךְ מַעֲשֵׂר אוּן פַאר אַנְדֶערֶע גֶעגֶעבְן דָאס פַארְבְּלִיבֶּענֶע!

אִין יָאר תרס"ג וֶוען מֶען הָאט אִיבֶּערְגֶעבּוֹיט דֶעם קְלוֹיז אִיז ר' אַיְיזִיק גְעוֶוען דֶער וָואס הָאט עֶס גֶעבּוֹיט אוֹיף זַיין חֶשְׁבּוֹן. עֶר הָאט פַארְמָאגְט אַ מִיל צוּ מָאלְן מֶעל, דָאס עֶרְשְׁטֶע הָאט עֶר זִיכֶער גֶעמַאכְט אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ זָאל הָאבְּן גֶענוּג מֶעל אוּן נָאךְ ווִיכְטִיגֶע גֶעבְּרוֹיכְן. וואוּ עֶס אִיז גְעוֶוען עֶפֶּעס אַן עִנְיָן צוּ הֶעלְפְן אַן אָרִימַאן אִיז ר' אַיְיזִיק גְעוֶוען פַארְמִישְׁט דֶערִין.

וֶוען ר' אַיְיזִיק אִיז שׁוֹין גְעוֶוען נָאנְט צוּ דִי הוּנְדֶערְט יָאר, הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר שֶׁעמְט זִיךְ זֵייעֶר אַז עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַזוֹיפִיל גֶעלְט וָואס עֶר ווָאלְט גֶעקֶענְט דֶערְמִיט טוּן אַסַאךְ צְדָקָה, נָאר זַיין בְּנֵי בַּיִת הָאט זֵייעֶר גֶעהִיטְן אוֹיפְן פַארְמֶעגְן, עֶר הָאט שׁוֹין אִין דֶער עֶלְטֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַזוֹיפִיל אוֹיסְטֵיילְן אַזוֹי ווִי אִין זַיינֶע אִינְגֶע יָארְן. אָבֶּער דִי בּוּשָׁה אִיז אוֹיךְ אַוֶועק פוּן אִים וֶוען דִי קָאמֶענִיסְטְן הָאבְּן אִים לַיידֶער אַלֶעס צוּגֶענוּמֶען. וָואס אִיז אִים גֶעבְּלִיבְּן? נָאר דִי צְדָקָה וָואס עֶר הָאט פַארְטֵיילְט.



קלויז אין אומאן

אִין זַיינֶע עֶלְטֶערְן יָארְן וֶוען עֶטְלִיכֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט זֶענֶען אִים גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן זֵיי אַז עֶר ווִיל עֶסְן אַן עֶפְּל ווַייל זַיין הַארְץ אִיז אִים זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט. דִי מַעֲשֶׂה אִיז גְעוֶוען ווִינְטֶער וֶוען אִין דִי שְׁטֶעטְלֶעךְ אִיז נִישְׁט גְעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען קַיין פְרִישֶׁע עֶפְּל, אָבֶּער ר' מֹשֶׁה גְלִידְמַאן עָלָיו הַשָּׁלוֹם [שְׁוָואגֶער פוּן ר' לֵוִי יִצְחָק] אִיז יָא אַרוֹיס זוּכְן... עֶר גֵייט אוֹיפְן גַאס, עֶטְלִיכֶע הַייזֶער אַוֶועק פוּן ר' אַיְיזִיקְ'ס שְׁטוּב, קוּמְט אִים אַנְטְקֶעגְן אַ מֶענְטְשׁ אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: "דוּ זוּכְסְט דָאךְ עֶפֶּעלֶעךְ, דָא הָאסְטוּ צְוֵויי עֶפֶּעלֶעךְ!" אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נֶעלְם גְעוָוארְן.

ר' מֹשֶׁה הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט וֶוער אִיז

דֶער אִיד?! פוּן וַואנֶעט וֵוייסְט עֶר אַז אִיךְ זוּךְ עֶפֶּעלֶער? דָאס מוּז זַיין אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא! זֶעט אוֹיס וַוייבַּאלְד ר' אַייזִיק הָאט אַלֶע זַיינֶע יָארְן גֶעהַאט אַזוֹיפִיל מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַאר אָרִימֶעלַייט, הָאט מֶען אִים פוּן הִימְל צוּגֶעפִירְט אַזַא גַאסְט וָואס זָאל אִים בַּארוּאִיגְן דָאס הַארְץ מִיט דִי עֶפֶּעלֶער! רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה.

# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע



**המשך פון פאריגע וואך.**

אִיךְ הָאבּ פַארְצֵיילְט לֶעצְטֶע וָואךְ וֶועגְ דֶעם גַּן עֵדֶן וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען שְׁפַּאצִירְנְדִיג אִין דִי בְּלֶעטֶער 'לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת'. אִיךְ ווִיל נָאר צוּלֵייגְן אַז וֶועלְכֶע הֲלָכָה אִינֶעם סֵפֶר 'לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת' וָואס אִיךְ גֶעדֶענְק הַיינְט צוּ טָאג, אִיז עֶס פוּן יֶענֶע אִינְגֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן! וַוייל דָאס לֶערְנֶען פוּן דִי אִינְגֶע יָארְן וֶוערְט אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין מֹחַ, טְרָאץ וָואס אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען אַלֶעס וָואךְ אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט.

אַזוֹי ווִי מַיין מַאמֶע הָאט נָאכְמָאל חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיז דִי דִירָה פוּן מַיין טַאטְן ע"ה גֶעשְׁטַאנֶען לֵיידִיג, אַזוֹי ווִי דֶער תַּם הַקָּדוֹשׁ אִיז אַרַיין אִין זַיין טַאטְנְ'ס דִירָה, בִּין אִיךְ אוֹיךְ דָארְט אַרַיין. עֶס אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט וַוייט פוּן דִי יְשִׁיבָה וָואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ פְּרִיוַואטְן הִתְבּוֹדְדוּת דִירָה, וָואוּ אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעקֶענְט אוֹיסְרֶעדְן מַיין הַארְץ צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פְּרֵיי אָן קֵיין שְׁטֶערְ.

יֶענֶע יָארְן אִיז בָּאכְבִּישְׁט גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט דֶער סֵדֶר פוּן עַמּוּד לְיוֹם 'לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן' אוּן אַ דַף 'לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת' אוּן זִיכֶער אִיז בָּאכְבִּישְׁט גֶעוֶוען 'לְטַיֵּל בְּתוֹרָתוֹ' וָואוּ טוֹיזְנְטֶער בַּחוּרֵי אנ"ש נֶעמֶען ב"ה אַנְטֵייל אוּן זֶענֶען נָאנְט צוּם רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת. אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַאר מִיר אַלֵיין גֶעמַאכְט סְדָרִים אִין דִי אַלֶע סְפָרִים אוּן גֶעשְׁלִינְגֶען מִיט דָארְשְׁט דִי הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוּן רֶבִּי נָתָן וֶועלְכֶע בַּארוּאִיגְן דָאס נֶפֶשׁ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַלֶע מַצָּבִים.

שְׁפֶּעטֶער אַבִּיסְל הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ קוּנְטְרֵס 'עִיִּן זוֹכֵר' דָארְט אִיז פַארְהַאן אַ פַייעֶרְדִיגְן בְּרִיוו פוּן ר' יִצְחָק בְּרֵייטֶער הי"ד וואוּ עֶר רֶעדְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיּוֹן אוּן דִי ווִיכְטִיגְקֵייט פוּן פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן אוּן דִי מַתָּנָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דֶעם 'תִּיקּוּן הַכְּלָלִי' דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ וָואס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע תִּיקּוּן [בִּפְרַט יֶעצְט אִין דִי שׁוֹבָבִים טֶעג, אִיז זַייעֶר כְּדַאי עֶס צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג]. בַּיי מִיר אִין הַארְץ הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּרֶענֶען אַ בֶּענְקֶענִישׁ צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'נְס צִיּוֹן, אִיךְ הָאבּ פַארְגָאסְן אַסַאךְ תְּפִלּוֹת בִּיז וֶוען פוּן הִימְל הָאט מֶען אָנְגֶענוּמֶען מַיין גֶעבֶּעט אוּן אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעטְן נֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע עֶרְד וואוּ עֶס לִיגְט אוּנְזֶער גְרוֹיסֶער רֶבִּי דֶער צַדִּיק וֶועלְכֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין קֶבֶר אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה דֶערְבַּיי, וֶועט עֶר זִיךְ לֵייגְן אִין דִי לֶענְג אוּן אִין דֶער בְּרֵייט, אוּן וֶועט אַ טוֹבָה טוּן, בַּיי דִי פֵּאוֹת וֶועט עֶר אִים אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית. אַשְׁרֵינוּ!!

# ~ דִי צְווֶעלֶעפְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

## דֶער בַּעַל תְּפִלָּה

## ~4~




אוּן זֵיי הָאבִּין אָנְגִיהוֹיבִּין מִיט אִים צוּ שְׁמוּסִין. הָאט עֶר זֵיי אוֹיךְ אַזוֹי גִיזָאגְט כַּנַ"ל. אִיר זֶענְט אַלֶע אִין טָעוּת. אוּן אִין גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקֵייט. אוּן דָאס אִיז גָאר קֵיין תַּכְלִית נִישְׁט. דְהַיְינוּ דָאס גֶעלְט אִיז גָאר קֵיין תַּכְלִית נִישְׁט. נָאר סֶע אִיז אַ יָחִיד בָּרוּךְ הוּא פַאר הַאנְדִין דְהַיְינוּ דֶער בּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ וָואס עֶר הָאט אַלֶע בַּאשַׁאפִין נָאר אִים בַּאדַארְף מֶען דִינֶען. אוּן גֶעלְט אִיז גָאר אַ נַארִישְׁקֵייט וְכוּ'.

אוּן דִי מְדִינָה וָואס אִיר זָאגְט. אַז זֵיי זֶענֶען אַלֶע גָאטִין. זֵיי וֶועלִין אַייךְ גָאר נִישְׁט קָאנֶען הֶעלְפִין. וָוארִין זֵיי זֶענֶען נָאר מֶענְטְן וְכוּ' (אַזוֹי הָאט זֵיי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיזָאגְט).

הָאבִּין זֵיי אִים גִיהַאלְטִין פַאר מְשׁוּגָע. וָוארִין דִי גַאנְצֶע מְדִינָה זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי גִילִיגִין אִין דֶעם גֶעלְט אוּן זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי דְרִינֶען פַארְנַארִישְׁט גִיוָוארִין. בִּיז דֶער וָואס עֶר הָאט אַקֶעגִין זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייט עֶפֶּעס גִירֶעט. אִיז דֶערבַּיי זֵיי גִיוֶוען מְשׁוּגָע. הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט. וָואס אִיז דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט אוֹיף דֶעם גִבּוֹר. אוֹיבּ סֶע נִישְׁט דֶער גִבּוֹר כַּנַ"ל.

הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. בַּאֲשֶׁר אִיךְ בִּין גִיוֶוען בַּיי אַ מֶלֶךְ. אִיז בַּיי דֶעם מֶלֶךְ פַארְפַאלִין גִיוָוארִין אַ גִבּוֹר. אוּן אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער גִיבּוֹר. קָאן אִיךְ מִיךְ מִיט אִים. אוּן וַוייטֶער דָאס וָואס אִיר פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף דֶער מְדִינָה וָואס אִיר זָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען אַלֶע גָאטִין. דָאס אִיז אַ נַארִישְׁקֵייט. וָוארִין זֵיי וֶועלִין אַייךְ גָאר נִישְׁט קֶענֶען הֶעלְפִין. אַדְרַבָּא. דָאס וֶועט נָאךְ זַיין אַייעֶר מַפָּלָה אַז אִיר וֶועט זִיךְ אוֹיף זֵיי פַארְלָאזִין.

הָאבִּין זֵיי אִים גִיזָאגְט פוּן וַואנֶען וֵייסְטוּ דָאס (אַז דִי מְדִינָה קָאן זֵיי נִישְׁט הֶעלְפִין. אוּן זֵיי וֶועלִין נָאךְ אַ מַפָּלָה הָאבִּין דוּרְךְ דֶעם). הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. בַּאֲשֶׁר בַּיי דֶעם מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז בַּיי אִים גִיוֶוען. הָאט עֶר גִיהַאט אַ יַד דְהַיְינוּ דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַ זַאךְ אַזוֹי וִוי אַ הַאנְט מִיט פִינֶעף פִינְגֶער. אוּן מִיט אַלֶע שִׁירְטוּטִין (דְהַיְינוּ אַלֶע קְנֵייטְשְׁן אוּן אַלֶע קְרִיצִין) וָואס אוֹיף אַ הַאנְט אִיז פַארְהַאנְדִין.

אוּן דִי יַד אִיז גִיוֶוען דֶער לַאנְד קַארְט פוּן אַלֶע וֶועלְטִין. אוּן גָאר וָואס סֶע אִיז גִיוֶוען זִינְט הִימִיל אוּן עֶרְד אִיז בַּאשַׁאפִין גִיוָוארִין בִּיז אִין סוֹף. אוּן וָואס סֶע וֶועט זַיין דֶערְנָאךְ. אִיז אַלְץ אוֹיסְגִימָאלְט גִיוֶוען אוֹיף דֶער יַד.

וָוארִין סֶע גִיוֶוען אוֹיסְגִימָאלְט אִין דִי קְרִיצִין אוּן קְנֵייטְשְׁן פוּן דֶער יַד. דָאס גִימֶעל פוּן אַלֶע וֶועלְטִין. וִוי אַזוֹי אִיטְלִיכֶע וֶועלְט שְׁטֵייט. מִיט אַלֶע זַאכִין פוּן אִיטְלִיכֶער וֶועלְט בִּפְרָטִיוּת. אַלְץ אַרוֹיס גִישְׁטֶעלְט אוֹיף דֶער יַד. אַזוֹי וִוי אוֹיף אַ לַאנְד קַארְט אִיז אוֹיס גִימָאלְט (אַזוֹי וִוי סֶע וֵייסִין דִי וָואס זֵיי זֶענֶען גִינִישְׁט אִין דֶעם לַאנְד קַארְט. דְהַיְינוּ סֶע אִיז אוֹיס גִימָאלְט אוֹיף אַ פַּאפִּיר אִיטְלִיכֶע שְׁטָאט אוּן אִיטְלִיכֶע מְדִינָה. אוּן אִיטְלִיכְס בְּרִיקְל אוּן אַזוֹי אַנְדֶערֶע זַאכִין טַייכְלִיךְ אוּן וֶועלְדֶער וְכוּ'. אוּן בַּיי אִיטְלִיכֶע זַאךְ שְׁטֵייט אַלְץ אָנְגִישְׁרִיבִּין אַז דָאס אִיז דִי שְׁטָאט אוּן דָאס אִיז דִי מְדִינָה וְכוּ').

אַזוֹי אִיז אוֹיף דֶער יַד גִיוֶוען אוֹיסְגִימָאלְט אַלֶע וֶועלְטִין דוּרְךְ דִי קְרִיצִין אוּן קְנֵיטְשְׁן פוּן דֶער יַד. אוּן אִין דִי קְרִיצִין פוּן דֶער יַד אִיז גִיוֶוען אַזוֹי וִוי אוֹתִיוֹת. אַזוֹי וִוי אוֹיף אַ לַאנְד קַארְט שְׁטֵייעֶן אָנְגִישְׁרִיבְּן אוֹתִיוֹת בַּיי אִיטְלִיכֶער זַאךְ כְּדֵי מֶען זָאל וִויסִין וָואס דָאס אִיז דְהַיְינוּ מֶען זָאל וִויסִין אַז דָא אִיז דִי שְׁטָאט. אוּן דָא אִיז דָאס טַייכִיל אוּן אַזוֹי דֶעסְט גְלַייכִין אַנְדֶערֶע זַאכְן. אַזוֹי אִיז פּוּנְקְט גִיוֶוען אָנְגִיצֵייכִינְט דוּרְךְ דִי קְרִיצִין פוּן דֶער הַאנְט אַזוֹי וִוי

אוֹתִיוֹת. וָואס דִי אוֹתִיוֹת זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען בַּיי אִיטְלִיכֶער זַאךְ וָואס סֶע גִיוֶוען אוֹיס גִימָאלְט אוֹיף דֶער יַד. כְּדֵי מֶען זָאל וִויסְן וָואס אִיטְלִיכֶע זַאךְ אִיז וָואס דָארְט אִיז אוֹיסְגִימָאלְט.

אוּן אַזוֹי אִיטְלִיכֶע מְדִינָה בַּאזוּנְדֶער אוּן אִיטְלִיכֶע שְׁטָאט אוּן אַלֶע טַייכְן אוּן בְּרִיקְן אוּן בֶּערְג אוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן (וָואס סֶע גִיפִינְט זִיךְ אִין דֶער וֶועלְט אוּן אִין אַלֶע וֶועלְטְן) אִיז אַלְץ גִיוֶוען אוֹיסְגִימָאלְט אוֹיף דֶער יַד דוּרְךְ דִי קְרִיצְן אוּן קְנֵייטְשְׁן פוּן דֶער יַד.

אוּן בַּיי אִיטְלִיכֶער זַאךְ אִיז אַלְץ גִישְׁטַאנֶען אוֹתִיוֹת אַז דָאס אִיז דִי זַאךְ אוּן דָאס אִיז דִי זַאךְ וְכוּ'. אוּן אַזוֹי אַלֶע מֶענְשְׁן וָואס סֶע גֵייעֶן אַרוּם אִין אִיטְלִיכֶער מְדִינָה אוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע מְאוֹרָעוֹת (דְהַיְינוּ אַלְץ וָואס אוֹיף אַ מֶענְשְׁן גֵייט אִיבֶּער וַוייל עֶר לֶעבְּט) אִיז אַלְץ גִיוֶוען אוֹיס גִימָאלְט אוֹיף דֶער הַאנְט.

אוּן סֶע אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען אֲפִילוּ אַלֶע וֶועגְן פוּן אֵיין מְדִינָה צוּ דֶער אַנְדֶערֶער. אוּן פוּן אֵיין אָרְט צוּם אַנְדֶערְן אוּן מַחְמַת דֶעם הָאבּ אִיךְ גְוואוּסְט דֶעם וֶועג אַרַיין צוּ גֵיין אַהֶער אִין שְׁטָאט אַרַיין. וָואס קֵיין שׁוּם מֶענְשׁ קָאן אַהֶער נִישְׁט קוּמֶען. (וָוארִין דִי מְדִינָה פוּן גֶעלְט הָאבִּין זִיךְ אַרוּם גִיגְרָאבִּין זֵייעֶרֶע שְׁטֶעט אוּן קֵיינֶער הָאט צוּ זֵיי נִישְׁט גִיקָאנְט קוּמֶען כַּנַ"ל). אוּן אַזוֹי אַז אִיר וִוילְט מִיךְ שִׁיקְן אִין דֶער אַנְדֶערֶער שְׁטָאט אַרַיין. וֵייס אִיךְ אוֹיךְ דֶעם וֶועג. אַלְץ דוּרְךְ דֶעם יַד.

אוּן אַזוֹי אִיז גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דֶער יַד. דֶער וֶועג פוּן אֵיין וֶועלְט צוּ דֶער אַנְדֶערֶער וֶועלְט. וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ וֶועג וָואס דוּרְךְ דֶעם וֶועג קָאן מֶען אַרוֹיף גֵיין פוּן דֶער עֶרְד אוֹיף דֶעם הִימִיל. (וָוארִין פוּן דֶער עֶרְד אוֹיף דֶעם הִימִיל קָאן מֶען נִישְׁט אַרוֹיף גֵיין מַחְמַת מֶע וֵייסְט נִישְׁט דֶעם וֶועג. אוּן דָארְט אִיז גִישְׁטַאנֶען דֶער וֶועג וִוירִימִיר מֶען זָאל אַרוֹיף גֵיין אוֹיף דֶעם הִימִיל).

אוּן סֶע אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען אַלֶע וֶועגְן וָואס סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין פוּן אֵיין וֶועלְט צוּ דֶער אַנְדֶערֶער וֶועלְט. וָוארִין אֵלִיָהוּ אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם הִימִיל מִיט דֶעם וֶועג. אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען דֶער וֶועג. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם הִימִיל מִיט אֵיין אַנְדֶערְן וֶועג. אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען יֶענֶער וֶועג אוֹיךְ.

אוּן אַזוֹי חֲנוֹךְ אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם הִימִיל נָאךְ מִיט אֵיין אַנְדֶערִין וֶועג. אִיז דָארְט דֶער וֶועג אוֹיךְ גִישְׁטַאנֶען אוּן אַזוֹי פוּן אֵיין וֶועלְט צוּ דֶער אַנְדֶערֶער (וַוייטֶער הֶעכֶער) אִיז אַלְץ גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דֶער הַאנְט. דוּרְךְ דִי קְרִיצְן אוּן קְנֵייטְשְׁן פוּן דֶער הַאנְט.

אוּן סֶע אִיז גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דֶער יַד. אִיטְלִיכֶע זַאךְ וִוי אַזוֹי סֶע אִיז גִיוֶוען בְּשַׁעַת דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפִין גִיוָוארִין. אוּן וִוי אַזוֹי סֶע אִיז הַיינְט. אוּן וִוי אַזוֹי סֶע וֶועט זַיין דֶערְנָאךְ. דְהַיְינוּ סְדוֹם. אִיז גִיוֶוען דָארְט אוֹיסְגִימָאלְט אַזוֹי וִוי דִי שְׁטָאט אִיז גִיוֶוען פְרִיר אֵיי זִי אִיז אִיבֶּער גִיקֶערְט גִיוָוארִין. אוּן וִוידֶער אִיז גִיוֶוען דָארְט אוֹיסְגִימָאלְט אַזוֹי וִוי סְדוֹם קֶערְט זִיךְ אִיבֶּער. אַזוֹי וִוי אַ שְׁטָאט קֶערְט זִיךְ אִיבֶּער. אוּן וִוידֶער אִיז גִיוֶוען דָארְט אוֹיסְגִימָאלְט סְדוֹם וָואסִיר אַ פָּנִים סֶע הָאט הַיינְט. נָאךְ דֶעם אִיבֶּער קֶערִין זִיךְ. וָוארִין אוֹיף דֶער יַד אִיז גִיוֶוען אוֹיס גִימָאלְט. וָואס סֶע אִיז גִיוֶוען. אוּן וָואס סֶע אִיז הַיינְט. אוּן וָואס סֶע וֶועט זַיין.

אוּן דָארְט אוֹיף דֶער יַד הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן. אַז דִי מְדִינָה וָואס אִיר זָאגְט אוֹיף זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אַלֶע גָאטְן. מִיט דִי אַלֶע מֶענְשְׁן וָואס זֵיי וֶועלִין צוּ זֵיי קוּמֶען אוֹיף הִילְף (דְהַיְינוּ אַז דִי מְדִינָה זָאל זֵיי הֶעלְפְן) וֶועלְן זֵיי אַלֶע בֵּיידֶע אַ מַפָּלָה הָאבְּן. (אַזוֹי הָאט זֵיי אַלְץ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה דֶערְצֵיילְט).

אִיז בַּיי זֵיי דִי זַאךְ אַ וִוילְד חִידוּשׁ גִיוֶוען. וָוארִין מֶען דֶערְקֶענְט אַז דָאס אִיז אֶמֶתֶע רֵייד. וָוארִין דָאס וֵייסְט מֶען אַז אוֹיף אַ לַאנְד קַארְט. שְׁטֵייט אוֹיסְגִימָאלְט אַלֶע זַאכְן. הָאבִּין זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען אַז זַיינֶע רֵייד זֶענֶען אֶמֶת וָוארִין אַזוֹינְס קָאן מֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְטְרַאכְטִין.

וָוארִין דָאס זֶעהְט מֶען זִיךְ אַז מֶען קָאן צוּם הוֹיף נֶעמֶען צְוֵויי קְרִיצִין פוּן דֶער הַאנְט וֶועט דְרוֹיס וֶוערִין אֵיין אוֹת. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין אוֹיס גִיטְרַאכְטֶע זַאךְ. אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי אַ וִוילְד חִידוּשׁ גִיוֶוען.

הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט וואוּ אִיז עֶרְגֶעץ דֶער מֶלֶךְ. טָאמֶער וֶועט עֶר אוּנְז וַוייזְן אַ וֶועג. וִוי מֶען זָאל גִיפִינֶען גֶעלְט. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. נָאךְ וִוילְט אִיר גֶעלְט (מִיט אַ לָשׁוֹן וִוי אֵיינֶער פַארְוִוינְדֶערְט זִיךְ אוּן בֵּייזֶערְט זִיךְ) פוּן גֶעלְט שְׁמוּסְט גָאר נִישְׁט. הָאבְּן זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט. פוּן דֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט. זָאג אוּנְז וִוי דֶער מֶלֶךְ אִיז. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. אִיךְ וֵייס אוֹיךְ נִישְׁט פוּן דֶעם מֶלֶךְ וִוי עֶר אִיז.

אוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי גִיוֶוען. אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ מִיט אַ מַלְכָּה. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיהַאט אַ בַּת יְחִידָה. אוּן סֶע גִיקוּמֶען נָאהֶנְט צוּ דֶער צַייט וָואס מֶע הָאט אִיר בַּאדַארְפְט חֲתוּנָה צוּ

מַאכִין. הָאט מֶען גִיזֶעצְט יוֹעֲצִים מֶען זָאל אֵיין עֵצָה הַאלְטִין. וֶועמֶען מֶען זָאל אִיר גֶעבִּין.

אוּן אִיךְ בִּין דָארְט אוֹיךְ גִיוֶועזְן צְווִישְׁן דִי יוֹעֲצִים (דְהַיְינוּ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ פַאר זֵיי) וָוארִין דֶער מֶלֶךְ. הָאט מִיךְ לִיבּ גִיהַאט. אִיז מַיין עֵצָה גִיוֶועזְן אַז מֶען זָאל אִיר גִיבִּין דֶעם גִבּוֹר. וָוארִין דֶער גִבּוֹר הָאט אוּנְז גִיטָאן כַּמָּה טוֹבוֹת. וָוארִין עֶר הָאט אַיינְגִינוּמֶען כַּמָּה מְדִינוֹת אִיבֶּער דֶעם קֶער מֶען אִים צוּ גִיבִּין דִי בַּת מַלְכָּה פַאר אֵיין וַוייבּ. אִיז מַיין עֵצָה זֵייעֶר גִיפֶעלִין. אוּן זֵיי הָאבִּין אַלֶע דְרוֹיף מַסְכִּים גִיוֶועזְן. אוּן סֶע אִיז דָארְט גִיוֶועזְן אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. וָואס מֶען הָאט גִיפוּנֶען אַ חָתָן צוּ דֶער בַּת מַלְכָּה. הָאט מֶען דֶער בַּת מַלְכָּה חַתּוּנָה גִימַאכְט מִיט דֶעם גִבּוֹר.

הָאט דִי בַּת מַלְכָּה גִיהַאט אַ קִינְד. אוּן דָאס קִינְד אִיז גִיוֶועזְן זֵייעֶר אַ ווִילְד גְרוֹיסֶער פַּארְשׁוֹין. וָואס סֶע אִיז גָאר קֵיין מֶענְטְשְׁלִיךְ שֵׁיינְקַייט נִישְׁט גִיוֶועזְן. אוּן זַיינֶע הָאר זֶענֶען גִיוֶועזְן פוּן גָאלְד. אוּן הָאבִּין גִיהַאט אַלֶרְלֵיי פַּארְבִּין. אוּן זַיין פָּנִים אִיז גִיוֶועזְן אַזוֹי ווִי דִי זוּנֶען. אוּן זַיינֶע אוֹיגִין זֶענֶען גִיוֶועזְן אַנְדֶערֶע אוֹרוֹת (כְּלוֹמַר לֶעכְטִין).

אוּן דָאס קִינְד אִיז גִיבּוֹירִין גִיוָוארִין מִיט גְרֵייטֶער חָכְמָה וָוארִין מֶען הָאט אִין אִים גְזֶעהְן תֵּיכֶּף ווִי עֶר אִיז גִיבּוֹירִין גִיוָוארְן. אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶער חָכָם. וָוארִין אַז מֶענְטְשְׁן הָאבִּין גִישְׁמוּסְט. דָארְטִין ווִי מֶע הָאט בַּאדַארְפְט לַאכִין. הָאט עֶר גִילַאכְט. אוּן אַזוֹי דֶעסְט גְלַייכִין אַנְדֶערֶע זַאכִין. מֶע הָאט אִין אִים דֶערְקֶענְט אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער חָכָם. נָאר עֶר הָאט נָאךְ נִישְׁט דִי תְּנוּעוֹת פוּן אַ גְרוֹיסִין. דְהַיְינוּ עֶר קָאן נָאךְ נִישְׁט רֵיידִין אוּן אַזוֹי אַנְדֶערֶע זַאכִין. אָבֶּער דָאס הָאט מֶען אָנְגִיזֶעהְן תֵּיכֶּף אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶער חָכָם.

אוּן בַּיי דֶעם מֶלֶךְ אִיז גִיוֶועזְן אַ מֵלִיץ. דְהַיְינוּ אַ רֵיידֶער אַ בַּעַל לָשׁוֹן וּמְלִיצָה. וָואס עֶר הָאט גִיקֶענְט רֵיידִין זֵייעֶר שֵׁיינֶע רֵייד. זֵייעֶר שֵׁיינֶע שְׁפְּרַאכִין אוּן שִׁירוֹת אוּן תּוּשְׁבָּחוֹת צוּם מֶלֶךְ. אוּן דֶער מֵלִיץ אִיז אַלֵיין אוֹיךְ גִיוֶועזְן אַ שֵׁיינֶער מֵלִיץ נָאר דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים גְווִיזְן דֶעם שְׁלֵייךְ אוּן דֶעם וֶועג פוּן וַואנֶען עֶר זָאל נֶעמֶען דֶעם כֹּחַ פוּן דֶער חָכְמָה פוּן מְלִיצָה. אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר גִיוֶועזְן זֵייעֶר אַ ווִילְד גְרוֹיסֶער מֵלִיץ.

ווִידֶער הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיהַאט אַ חָכָם. אוּן דֶער חָכָם. אִיז אַלֵיין אוֹיךְ גִיוֶועזְן אַ חָכָם. נָאר דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים גְווִיזְן אַ וֶועג פוּן וַואנֶען עֶר זָאל נֶעמֶען חָכְמָה. אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר גִיוֶועזְן זֵייעֶר אַ ווִילְד גְרוֹיסֶער חָכָם.



# מיין מדות ווינקל

## אֱמוּנָה

אַ אִינְגְל דַארְף ווִיסְן אַז אַלֶעס וָואס גֶעשֶׁעט מִיט אִים אִיז פּוּנְקְטְלִיךְ אוֹיסְגֶערֶעכְנְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, עֶר דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן עֶרְלִיךְ, דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען מִיט דִי כּוֹחוֹת אוּן כִּשְׁרוֹנוֹת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט אַז לְמָשָׁל לָאמִיר אִים רוּפְן 'יַעֲנְקִי' זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע קָאפּ אוּן זַיין אַ בַּא'חֵנְ'טֶער אִינְגְל אוּן אַזוֹי זָאל עֶר דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן ווִידֶער 'אַבְרָמִי' הָאט גַאנְץ אַ שְׁוַואכֶע קָאפּ אוּן הָאט נִישְׁט אַזַא גֶעשְׁלִיפְן צִינְגְל, אוּן זַיין טַאטֶע אִיז גַאנְץ אָרִים, אָבֶּער עֶס אִיז קְלָאר אַז אַלֶעס!!! אִיז פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ אִינְגְל טְרַאכְט "אוֹיבּ מַיין טַאטֶע וָואלְט גֶעהַאט גֶעלְט וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט לֶערְנֶען פְלַייסִיג, אִיךְ וָואלְט גֶעהַאט אַ רוּאִיגֶע קָאפּ אוּן אַ רֵיינֶע שְׁטוּבּ, אוּן אַ פְּרִיוַואטֶע צִימֶער מַיינֶע בְּרִידֶער זָאל נִישְׁט טַאנְצְן אוֹיף מַיין בֶּעט. זִיכֶער וָואלְט אִיךְ יֶעדְן טָאג גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן גֶעוֶוען אַ מְיוּשָּׁבְ'דִיגֶער אִינְגְל, נִישְׁט אַזַא צֶעשְׁלָאמְפֶּעטֶער! אִין מַיין מַצָּב קֶען אִיךְ ח"ו נִישְׁט דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

זָאגְט ר' נָתָן: "נֵיין, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דוּ זָאלְסְט פָּאלְגְן דִי תּוֹרָה אוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס עֵצוֹת אִין דַיין מַצָּב, ווִי גֶעדְרִיקְט דִי שְׁפִּירְסְט זִיךְ, אַז נִישְׁט הֵייסְט עֶס חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען הָאט טַעֲנוֹת אוֹיף דִי דְּרָכִים ווִיאַזוֹי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זִיךְ אוֹיף מִיט מִיר, מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן אַזֶעלְכֶע מַחֲשָׁבוֹת!

אוֹיבּ דִי ווִילְסְט הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן, הִיט זִיךְ זֵייעֶר פוּן אַזֶעלְכֶע רֵייד. גְלֵייבּ אַז דָאס אִיז דַיין בְּחִירָה, אִין דַיין מַצָּב וָואס דוּ לֶעבְּסְט, מִיט דִי

פארזעצונג אויף די לעצטע זייט

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ______________________

טעלפון ______________________

שטאט ______________________

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די צוועלעפטע מעשה (4) - מבעל תפילה

**א. וואס האט דער בעל תפילה געזאגט פאר די שרים (עלצטע) ווען זיי האבן אים געכאפט**

- ❑ אז געלד איז נישט דער תכלית
- ❑ אז גבורה איז דער תכלית
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואס האט זיי דער בעל תפילה געזאגט אויף דעם וואס זיי פארלאזן זיך אויף די מדינה וואס אלע זענען גאטין (לויט זייער שיטה)?**

- ❑ אז אפשר וועלן זיי ענק העלפן
- ❑ אז זיי וועלן ענק גאר נישט קענען העלפן
- ❑ אז דער גבור וועט ענק העלפן

**ג. וואס האט זיי דער בעל תפילה געזאגט וועגן דעם גבור?**

- ❑ אז ער איז געווען ביי א קעניג איז ביי אים פארלוירן געווארן א גבור און אויב דאס איז דער גבור קען איך מיך מיט אים
- ❑ אז ער איז זייער שטארק און מ'דארף מורא האבן פון אים
- ❑ אז ער איז בכלל נישט קיין גבור

**ד. וואס נאך האט זיי דער בעל תפילה געזאגט וועגן די מדינה וואס דארטן זענען אלע גאטין (לויט זייער שיטה?**

- ❑ אז זיי זענען בכלל נישט שטארק
- ❑ אז אויב ענק וועלן זיך פארלאזן אויף זיי וועט דאס זיין ענקער מפלה
- ❑ אז אויב ענק וועלן זיך פארלאזן אויף זיי וועלן ענק מצליח זיין

**ה. פון וואו האט דער בעל תפילה געוואוסט דער ענטפער?**

- ❑ וויל ער איז געווען א נביא
- ❑ ווייל ער איז געווען פארזיכערט אין דעם
- ❑ ווייל דאס אלעס איז געווען אויסגעקריצט אויף די יד וואס איז געווען ביים קעניג

**ו. אויף די יד פון קעניג איז געווען געשריבן די וועגן פון איין מדינה צו די אנדערע?**

- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א טייל יא, און א טייל נישט

**ז. אויף די יד פון קעניג איז געווען געשריבן די וועגן פון איין וועלט צו די אנדערע וועלט?**

- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א טייל יא, און א טייל נישט

**ח. אלי' משה און חנוך זענען ארויף אין הימל אויף די זעלבע וועג אדער יעדער דורך א אנדערע וועג?**

- ❑ יעדער אויף א אנדערע וועג און אין די יד איז געשטאנען אלע וועגן
- ❑ אלע אוף די זעלבע וועג און אין די יד איז געשטאנען די וועג
- ❑ יעדער אויף א אנדערע וועג און אין די יד איז נישט געשטאנען די וועגן

**ט. וואס איז געשטאנען אויפ'ן יד**

- ❑ וואס עס איז געווען און וואס ס'איז יעצט
- ❑ וואס עס איז געווען און וואס ס'איז יעצט און וואס ס'וועט זיין
- ❑ וואס עס איז געווען

**י. וואס איז געשטאנען אין די יד וועגן די מדינה וואס זיי זאגן אז אלע דארטן זענען גאטין**

- ❑ אז יענע מדינה וועט האבן א מפלה
- ❑ אז די מענטשן וואס וועלן קומען צו זיי נאך הילף וועלן האבן א מפלה
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יא. האבן זיי געגלייבט דעם בעל תפלה? - און פארוואס?**

- ❑ זיי האבן פארשטאנען אז ס'איז אמת ווייל מ'קען זיך אזוינס נישט אויס טראכטן
- ❑ זיי האבן בכלל נישט געגלייבט ווייל ער רעדט קעגן זייער אמונה
- ❑ זיי האבן בכלל נישט צוגעהערט וואס ער האט געענטפערט

**יב. וואס האט ער זיי געענטפערט ווען זיי האבן אים געפרעגט וואו איז דער קעניג אפשר קען מען ביי אים באקומען געלד?**

- ❑ פון געלד שמועסט גארנישט
- ❑ אז ס'איז שווער אנצוקומען צו אים
- ❑ אז געלד איז נישט דער תכלית

**יג. וואס איז געווען די עצה פון בעל תפלה ווען מ'האט זיך גע'עצה'ט מיט וועמען צו חתונה מאכן די בת יחידה פונעם קעניג??**

- ❑ מיט דעם חכם פונעם קעניג
- ❑ מיט דעם אוהב נאמן פונעם קעניג
- ❑ מיט דעם גבור פונעם קעניג

**יד. וועלכע מין האר האט געהאט די טאכטער פון בת מלכה?**

- ❑ פון גאלד
- ❑ אלע קאלירן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טו. ווער נאך איז געווען ביים קעניג?**

- ❑ א מליץ (וואס האט געקענט שיין רעדן)
- ❑ א חכם
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טז. וואס לערנסטו זיך דערווייל ארויס פון די מעשה?**

- ❑ אז דער גאנצער תכלית אויף דער וועלט איז______________________.
- ❑ נישט צו רעדן פון געלד
- ❑ ______________________.

## מיט אסאך הצלחה!!!

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

דעם רבינ'ס ליגע

צו מאכן די בחינה און אריין גיין אין גורל רוף די טעלפאן ליין 02-5-3333-72 L3233287@gmail.com

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין
אינעם גורל, 02-5-3333-72
646-518-1095 1-518-329-9149

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן אִין דִי אֱמוּנָה אַז דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט דִי וֶועלְט, און אַזוֹי וִוי בַּיי יְצִיאַת מִצְרַיִם זֶענֶען דִי אִידְן גֶעהָאלְפְן געוָוארְן חוּץ לְדֶרֶךְ הַטֶּבַע, בְּחִפָּזוֹן אִין אֵיילֶענִישׁ, לְמַעְלָה מִן הַזְּמַן - הֶעכֶער דִי צַייט.

אַז אַ פָאלְק פוּן זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אִידְן זֶענֶען אִין גָאר אַ שְׁנֶעלֶע צַייט גֶעקוּמֶען פוּן גַאנְץ לַאנְד מִצְרַיִם קַיין סֻכּוֹת, וָואס דָאס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער אָט זֵיי אויפְגֶעהוֹיבְּן הֶעכֶער דֶעם זְמַן הָאט דָאס גֶעקֶענְט פַּאסִירְן.

אַזוֹי אויךְ זָאלְן מִיר שׁוין זוֹכֶה אַז השי"ת זָאל אוּנְז אויפְהֶייבְּן הֶעכֶער דֶעם מָקוֹם די פְּלֶעצֶער וואו מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ און הֶעכֶער די צַייט, מִיט הַשְׁגָּחַת השי"ת זָאלְן מִיר שׁוין זוֹכֶה זַיין צו די גְאוּלָה שְׁלֵמָה בִּמְהֵרָה אָמֵן.

# מיין מדות ווינקל

המשך פון זייט 6



עֶלְטֶערְן און שְׁכֵנִים, חֲבֵרִים פוּן כִּתָּה, דָארְט זָאלְסְטוּ גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס אִיז נָאר פַּאר דַיין גוּטְס. גֶעוואוֹין זִיךְ אֵיין צוּ זָאגְן: "אַלֶעס וָואס דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער טוּט, אִיז גוּט".

און אויבּ ס'אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ נֶעמֶען אויף זִיךְ אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן, **שְׁרַיי צוּם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן, מִיט דֶעם אַלֵיין וֶועסְטוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער**, וַוייל דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער גְלוּסְט צוּ תְּפִלּוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי אַ קְלֵיין קִינְד וֵויינְט און בֶּעט אַ גוּטֶע זַאךְ פוּן זַיין טַאטְן, אַזוֹי דַארְפְן מִיר בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער יֶעדֶע זַאךְ. און דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז אַ שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה. (ליקוטי הלכות ר"ח ו)

## א תפלה אויף שמחה

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דֶער הֶער פוּן שִׂמְחָה און חֶדְוָה. אִיךְ בֶּעט דִיר! זֵיי מַמְשִׁיךְ אויף מִיר אַ אֱמֶת'ע שִׂמְחָה פוּן הִימְל, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ זַיין " שׂוֹשׂ אָשִׂישׂ" בה' תָּגֵל נַפְשִׁי בֵּאלֹקַי ", און דוּרְכְדֶעם זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין אַז מַיין מֹחַ זָאל בַּאפְרַייט וֶוערְן פוּן אִיר גֶעפֶענְגֶענִישׁ.

וַוייל מִיט דַיין פִילֶע רַחֲמָנוּת הָאסְטוּ שׁוין אָנְגֶעגְרֵייט אַ רְפוּאָה פַאר אוּנְז. דוּ הָאסְטוּ אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט אִין יֶעדְן דוֹר הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס זֵיי לֶערְנֶען אוּנְז אויס עֵצוֹת און אֱמֶת'ע דְּרָכִים מִיט וֶועלְכֶע מִיר קֶענֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְשַׂמֵּחַ זַיין אַז מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ, "בָּרוּךְ אֱלֹקֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ וְהִבְדִּלָנוּ מִן הַתּוֹעִים".

הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ שִׂמְחָה, און טְרֶעפְן אִין מִיר נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, וָואס זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען צוּ אֱמֶת'ע שִׂמְחָה, און צוּ אַן אֱמֶת'ע יִשּׁוּב הַדַּעַת, אַזוֹי וֶועל אִיךְ זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ דִיר פוּן יֶעצְט אויף אַלֶעמָאל. "אַל תַּעַזְבֵנִי ה' אֱלֹקַי אַל תִּרְחַק מִמֶּנִּי, חוּשָׁה לְעֶזְרָתִי ה' תְּשׁוּעָתִי".

(ליקוטי תפלות ח"ב תפלה י')

